מיר האָבן אַלע געגלייבט, אַז כדי אַוועקצושטעלן אַ מענטשן אויף די פיס דאַרף מען האָבן זופּ; זופּ פּילט אָן דעם מאָגן; זופּ מאַכט אויסזען פולער. האָבן מיר, די וואָס האָבן זיך גענומען העלפן די שוואַכערע, געזוכט אַ וועג צו קריגן „עקסטרא" זופּ. מען האָט צוליב דעם געמוזט אָנקומען צו די קאַפּאָס. זיי פלעגן דאָך אַראָפּגנבענען פון די פּאַרציעס, און דאָס וואָס איז ביי זיי פאַרבליבן האָבן זיי גערן פאַרקויפט. פאַרן ביסל זופּ האָט מען זיי געדאַרפט „צאָלן" מיט שטיקלעך ברויט, מאַרגאַרין אָדער ווורשט. די קאַפּאָס האָבן מיט אונדזערע פּראָדוקטן געמאַכט נייע האַנדלס־טראַנזאַקציעס, אָבער דערפאַר האָבן מיר געקענט געבן אַ קראַנקן אָדער אַזוי אַ שוואַכן אַ ביסל זופּ.

די צאָל קראַנקע און שוואַכע פּרוזשענער האָט זיך געמערט. אינדיווידועלע הילף איז נישט געווען גענוג. האָבן מיר, עטלעכע פּרוזשענער, באַשלאָסן צו אָרגאַניזירן אַ הילפס־קאָמיטעט. 5 זענען מיר געווען: אַברהמל סעלעצקי, הערשל מאַראַווסקי, יאַנקל ראַזשאַנסקי, (געפאַלן אין אַ „מאַרש" האַרט פאַר דער באַפרייאונג), יאַנקל באַרבעל און איך. אין אַ זונטיק, ווען מען איז נישט אַרויס צו דער אַרבעט, האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אין בלאָק 15־אַ ביי יאַנקל באַרבעל אויפן בעט. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז יעדער פּרוזשענער דאַרף געבן אַ פולע פּאַרציע ברויט אַ וואָך. אויב עמיצער קען, דאַרף ער געבן מער. יעדער מיטגליד פונעם קאָמיטעט פון די פינף האָט זיך געדאַרפט שטעלן אין קאָנטאַקט מיט די פּרוזשענער אין די פאַרשיידענע בלאָקן און איבערגעבן זיי אונדזער באַשלוס. מיך האָט מען באַשטימט פאַרן פאַרזיצער און פאַרן „קאַסירער" פון דער ברויט־קאַסע.

די הילף פאַר די קראַנקע אין שפּיטאָל פלעגן מיר צום אָפטסטן באַזאָרגן דורך אונדזער פּרוזשענער סאַניטאַר שלמה שעברינסקי (ער לעבט און געפינט זיך היינט אין אַמעריקע). הערשל מאַראַווסקי, אַ סטאָלער וואָס די קאַפּאָס פלעגן אים אָפט שיקן עפּעס פאַרריכטן אין פאַרשיידענע פונקטן פון לאַגער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט צו באַזאָרגן די פרויען אָדער די שוואַכע וואָס מען האָט זעלטן געטראָפן. משה גאָלדבערג, אַ בעקער, אַברהמל סעלעצקי, אַ דאַך־דעקער און יאַנקל באַרבעל, אַן עלעקטראָטעכניקער האָבן צוליב זייער אַרבעט געקענט צוקומען צו יענע פּרוזשענער וואָס זענען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן לאַגער. מיר האָבן געוואָלט דערגרייכן צו יעדער פּרוזשענער וואָס האָט זיך געניייטיקט אין אונדזער הילף.

ביסלעכווייז האָט זיך די טעטיקייט פון אונדזער הילפס־קאָמיטעט אויסגעברייטערט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז העלפן קען מען נישט נאָר מיט עסן. מ'האָט געקענט מיט פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס אַריבערפירן שוואַכערע מענטשן אויף לייכטערע אַרבעט. עטלעכע מאָל איז דאָס אונדז געלונגען. אין אונדזער הילפס־אַרבעט האָבן מיר נישט אַלע מאָל אָפּגעהיט די געאָגראַפיע. אַז עמיצער פון אונדז איז געקומען מיט הילף אין שפּיטאָל צו אַ פּרוזשענער און לעבן אים איז געלעגן אַ פאַרחלשטער נישט קיין פּרוזשענער, האָט מען שוין דעם נישט־פּרוזשענער אויך געהאָלפן. אונדזער הילף איז זיכער געווען קליין און קיין סך האָבן מיר נישט געקענט אויפטאָן. אָבער מיט דעם ביסל וואָס מיר האָבן יאָ געטאָן האָבן מיר כאָטש עטלעכע מענטשן דערהאַלטן ביים לעבן. אונדזער פּרוזשענער הילפס־קאָמיטעט האָט געאַרבעט ביז דער עוואַקואַציע פון אוישוויץ. מיר האָבן כסדר געזוכט מיטלען ווי צו פאַרגרעסערן אונדזער ברויט־קאַסע, כדי מיר זאָלן קענען העלפן אַ גרעסערע צאָל מענטשן. איין מאָל האָבן הערשל מאַראַווסקי און יאַנקל באַרבעל געפונען אַ בייטעלע מיט ווערטזאַכן, וואָס האָט געהערט צו איינעם אַ פּוילישן ייִד ליפּסקי (ער איז היינט אין ניו־יאָרק). די ביידע מיטגלידער פון דעם הילפס־קאָמיטעט האָבן ליפּסקין צוריקגעגעבן דאָס געפונענע, אָבער ערשט נאָך דעם ווי ער האָט זיך באַשטייערט מיט אַ געוויסן סכום ברויט־פּאַרציעס פאַר די קראַנקע.

„סעלעקציעס" פלעגן פאָרקומען אויך אין אוישוויץ. פלוצלונג פלעגן די דייטשן אויסשטעלן אין אַ רייע אַ גרופּע מענטשן און שיקן זיי „אין קוימען" אָדער מיט אַ טראַנספּאָרט ערגעץ אין וועלכן זיי פלעגן אָפט אין וועג אומקומען. נישט אַלע מאָל זענען דאָס געווען די שוואַכע, די נישט־אַרבעטס־פעיִקע, נאָר גלאַט אַזוי; די דייטשן האָבן געדאַרפט צושטעלן אַ באַשטימטע צאָל ייִדן פאַרן „קוימען". איין מאָל האָבן מיר אין אַזאַ רייע דערזען דעם פּרוזשענער מענדל באַדגאַס (ער לעבט, היינט אין אַמעריקע). איז הערשל מאַראַווסקי אַוועק צו אַ קאַפּאָ מיט וועלכן מיר האָבן אָפט „געהאַנדלט" און ער איז שוין געווען אָן אונטערגעקויפטער. הערשל מאַראַווסקי האָט געבעטן דעם קאַפּאָ ער זאָל אַרויסראַטעווען מענדל באַדגאַס פון דער רייע. דער קאַפּאָ האָט דאָס געטאָן, און מיר האָבן אונדזער פּרוזשענער אויסבאַהאַלטן. אַזעלכע פאַלן זענען געווען עטלעכע ביי סעלעקציעס אָדער טראַנספּאָרטן. אָבער נישט קוקנדיק אויף אונדזער הילפס־אַרבעט האָבן מיר קיין ווונדער נישט געקענט באַווייזן. פון די קרוב 2,000 אַרבעטנדיקע פּרוזשענער אין לאַגער זענען לעבן־געבליבן נאָר קרוב 200.

אין אונדזער הילפס־אַרבעט האָבן זיך אויך באַ־

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 620 הודפס ע"י אוצר החכמה

טייליקט די פרוזשענער מיידלעך. אויב זיי זענען געווען אויף בעסערע אָדער גרינגערע אַרבעט האָבן זיי געקענט צו שטייער געבן אַ מאָל עסן און אַ מאָל עפּעס אָנצוטאָן. צווישן די מיידלעך וואָס האָבן געהאָלפן אַנדערע זענען געווען: שפרה טענענבוים (היינט שפרה סעלעצקי) און ליבע באָדגאָס.

## פאַר דער באַפרייאונג

אין אָנהייב פון 1945, האָבן מיר גאַנץ אָפט געקענט זען אַליאירטע אַעראָפּלאַנען וואָס זענען געפלויגן איבער אוישוויץ. פון ערגעץ נישט־ווייט האָבן מיר געהערט שיסערייען. מיר האָבן אָנגעהויבן האָפן, אָבער עס האָט אין אונדז גענומען וואַקסן אַ שרעק, אַז די דייטשן קענען אונדז נאָך אומברענגען איידער די באַפרייאונג וועט קומען. פון 17טן אויפן 18טן יאַנואַר האָבן די דייטשן געמאָלדן די קאַפּאָס און די בלאָק־עלטסטע, אַז דער גאַנצער לאַגער ווערט עוואַקוירט. נאָך פריִער האָט מען שוין געקענט זען ווי די דייטשע האָפּערדיקייט פאַרשווינדט; זיי האָבן זיך גענומען שרעקן. ביינאַכט האָט אין לאַגער געמוזט זיין פינצטער; מען האָט פאַרבאָטן אָנצוצינדן דאָס ליכט. אָבער אויך אונדזער מורא איז געוואָקסן. וואָס וועלן די דייטשן אין דער דאָזיקער לעצטער שעה זייערער טאָן מיט אונדז?

האָבן מיר, פרוזשענער, זיך ווידער גענומען דורכרעדן צווישן זיך וואָס צו טאָן. אייניקע פון אונדז האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך ערגעץ באַהאַלטן אין לאַגער גופא און נישט מיטגיין מיט דער עוואַקואַציע, די אַנדערע האָבן נישט געהאַלטן פון אַזאַ פּלאַן. דערווייל איז אָבער אָנגעקומען די נאַכט פון 17טן יאַנואַר און די דייטשן האָבן זיך אין איילעניש גענומען פּאַקן. די קאַפּאָס האָבן צונויפגענומען יעדערער זיין קאָמאַנדע און געהייסן אַלעמען זיין גרייט. מיר האָבן אַזוי געוואַרט אַ גאַנצע נאַכט. זיבן אַזייגער אין דער פרי, דעם 18טן יאַנואַר, האָבן פון לאַגער אַרויסמאַרשירט עטלעכע טויזנט קאַצעטלערס. וווהין מען פירט זיי האָט קיינער נישט געוווּסט. מיר, די איבערגעבליבענע, זענען שוין מער צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. די קאַפּאָס און די בלאָק־עלטסטע האָבן אונדז געבראַכט לאַגער־קליידער און אַפילו ציווילע מלבושים. יעדער קאַצעטלער האָט זיך געקענט אָנטאָן ווי ער האָט געוואָלט. ווידער האָבן אונדזערע צעטומלטע מוחות גענומען טרעפן — וואָס איז בעסער? ווער האָט מערער שאַנסן צו בלייבן לעבן, אַ קאַצעטלער אָדער אַ ציווילער? זענען געווען אַזעלכע וואָס האָבן אָנגעטאָן ביידע מינים קליידער איינס אויפן אַנדערן: טאָמער וועט מען קענען אַנטלויפן, וועט מען שוין אויסגעפינען וואָס ס'איז בעסער. מען האָט געוואָלט זיין גרייט אויף יעדן פאַל.

דער צווייטער טראַנספּאָרט, מיט וועלכן איך בין אַוועק פון אוישוויץ, איז אויך געווען דער לעצטער. אין לאַגער זענען געבליבן נאָר די קראַנקע פון שפּיטאָל. יעדערער פון אונדז האָט געקראָגן צוויי קילאָגראַם ברויט און אַ פּעקל מאַרגאַרין. פון לאַגער זענען מיר אַרויס 8 אַזייגער אין אָוונט און מיר זענען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, אויפן וועג האָבן אונדזערע וואַכן געשאָסן אין דער לופטן. צוערשט זענען געגאַנגען די פרויען און נאָך זיי די מענער. אויב עמיצער האָט שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו גיין האָט מען אים דערשאָסן אויפן אָרט און אָפּגעשאַרט זיין קערפּער אָן אַ זייט. און מיר זענען ווייטער געגאַנגען. אין דער פרי זענען מיר אָנגעקומען אין אַ דאָרף. דאָרט האָט מען אונדז אַריינגעפּאַקט אין שטאַלן ווו מיר זענען אַ גאַנצן טאָג אָפּגעלעגן צוזאַמען מיט חזירים, פערד און קי. ווען עס האָט אָנגעהויבן צו ווערן טונקל האָט מען אונדז ווידער צונויפגענומען, אונדז צעשטעלט אין רייען און ווידער געהייסן מאַרשירן. אין מיטן דער נאַכט זענען מיר אָנגעקומען אין שטעטל לעסלאַו. מען האָט אונדז אַלעמען אַריינגעטריבן אין איין בנין ווו מיר האָבן געוואַרט ביז עס איז געוואָרן ליכטיק. מען האָט אונדז אַריינגעשטופּט אין אַ פראַכטצוג און אונדז אָפּגעפירט אין לאַגער „גראָס־ראָזען“.

בעתן מאַרש אין דעם צווייטן טראַנספּאָרט האָבן מיר, די פרוזשענער, זיך באַמיט צו האַלטן ווי ווייט מעגלעך, צוזאַמען. אויב איינער פון אונדז פלעגט ווערן מיד, פלעגן אים די אַנדערע נעמען אונטער די הענט, צוגעבן אים מוט און אים העלפן זיך צו דערשלעפּן אויפן באַשטימטן אָרט. איינער פון די מידע בין איך געווען. אַ מאָדנער שלאָף איז אויף מיר אָנגעפאַלן, איך האָב נישט געקענט האַלטן די אויגן אָפן און ס'האָט מיך נאָר געצויגן צו דער ערד. האָבן ישראל כאָמסקי (היינט אין אַמעריקע) און שלום קירזשנער (אומגעקומען האַרט פאַר דער באַפרייאונג) מיך גענומען אונטער די הענט און מיך געמינטערט: „זלמן, האַלט זיך“. און זיי האָבן מיך דערשלעפּט.

אין לאַגער „גראָס־ראָזען“ האָט מען אונדז אַריינגעקוועטשט אין באַראַקן. אַזאַ ענגשאַפט ווי דאָרטן האָבן אַפילו מיר נישט געקענט. און אין דרויסן איז דער באָדן געווען זומפּיק. פון מידקייט און פון הונגער האָבן מענטשן נישט געהאַט קיין כוח די פיס אַרויסצושלעפּן פון דער בלאָטע — פלעגן זיי שטאַרבן שטייענדיק. אין „גראָסראָזען“ בין איך געווען דריי וואָכן. אין משך פון דער צייט האָט

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 621 הודפס ע״י אוצר החכמה

מען ביסלעכווייז גענומען פונאַנדערשיקן די קאַ־צעטלערס אין פאַרשיידענע לאַגערן. איך בין גע־ווען אין דער גרופּע וואָס מען האָט געשיקט קיין בוכנוואַלד.

פון בוכנוואַלד האָט מען אונדז ווידער צעשיקט אין פאַרשיידענע ערטער. איך בין מיט עטלעכע פּרושענער אָנגעקומען אין לאַגער ביסינגען, ווו מיר האָבן אין משך פון פינף וואָכן געאַרבעט אין אַן אויל־פאַבריק. עסן האָבן מיר געקראָגן זייער ווייניק און דער הונגער האָט געמאַטערט. פון בי־סינגען האָט מען אונדז אַריבערגעפירט אין לאַ־גער אַלאַך, פינף קילאָמעטער פון דאַכאַו. מיר זע־נען דאָ אָפּגעזעסן צען טעג. מיר האָבן דאָ נישט געאַרבעט, אָבער מען האָט אונדז אויך נישט גע־געבן צו עסן. מיר האָבן שוין גוט געוווּסט וואָס איז אַזוינס הונגער, אָבער דאָס וואָס עס איז גע־ווען אין אַלאַך איז גאָר אוממעגלעך צו באַשרייבן.

איינער פון אונדז, אַ פּרושענער אײדעם, מאיר האָט ער געהייסן, האָט געפונען אַ גרויסן ביין. מבינים האָבן געזאָגט, אַז אויב מען וועט דעם ביין ברענען אויפן פייער וועט ער ווערן ווייך און מען וועט אים קענען עסן. נאָך דעם ווי מען האָט דעם ביין איבערגעברענט האָט מאיר מיר אָנפאַרטרויט די אויפגאַבע צו צעהאַקן דעם ביין אויף שטיקלעך. ווען איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט זענען מיך מענטשן באַפאַלן און געבעטן אַ שטיקעלע ביין. איך האָב אַליין געגעסן און אויך געגעבן עטלעכע מענטשן צו שטיקל. ווען איך האָב מאירן צוריקגעבראַכט דעם שטאַרק פאַרקלענערטן ביין האָט ער זיך אויף מיר שטאַרק געבייזערט. און צום סוף האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מיר האָבן זיך געריסן איבער אַ מענטשלעכן ביין.

נאָך די דאָזיקע גרויליקע צען טעג האָט מען אונדז ווידער אַריינגעפּאַקט אין וואַגאָנעס און אונדז געפירט. אויפן וועג האָבן אונדז אַעראָפּלאַנען באָמ־באַרדירט; דער צוג האָט זיך אָפּט אָפּגעשטעלט. דאָ האָבן מיר שוין „געקראָגן עסן". יעדן טאָג 25 דע־קאַגראַם ברויט און אַ שטיקל מאַרגאַרין. אויפן גאַנצן וועג האָבן מיר בלויז איין מאָל געקראָגן אַ ביסל זופּ. קיינער האָט נישט גערעכנט ווי לאַנג מיר האָבן זיך אַזוי געשלעפּט. איך געדענק נאָר, אַז עס איז געווען דער 28סטער אַפּריל ווען אונ־דזער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים דאָרף איפּעל־דאָרף־שטאַלטאַר (צווישן מינכען און גאַרמיש־פּאַר־טענקירכען). די באַן־ליניע איז דאָ געווען איבער־געריסן און ווייטער פאָרן האָט מען שוין נישט געקענט. מיר האָבן געזען ווי ציווילע דייטשן יאָגן זיך ערגעץ מיט פּעק און מיט קינדער־וועגעלעך.

עס איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז עס איז נישט ווייט צו זייער סוף.

דעם 29סטן אַפּריל האָט מען געדופן די עלטסטע פון יעדן וואַגאָן און געהייסן מיטנעמען מיט זיך פון יעדן וואַגאָן צו צוויי מענטשן. אין גיכן זענען אונדזערע שליחים צוריקגעקומען מיט פינף־פּונ־טיקע אַמעריקאַנער פּעקלעך, פאַר יעדער איינעם אַ פּעקל שפּייז און פּאַפּיראָסן. דאָס האָט דער רויטער קרייץ געפּועלט ביי אונדזער קאָמענדאַנט פון דער ס"ס, אַז ער זאָל דערלויבן אונדז געבן די פּעקלעך. וואָס מיר האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט קען מען גאָר מיט ווערטער נישט דערציילן.

אין דער זעלבער נאַכט האָט דער קאָמענדאַנט גערופן צו זיך צו 3־4 ס"ס־לייט פון יעדער וואַגאָן. זיי זענען צוריקגעקומען מיט פּעקלעך ציווילע קליידער; דאָס האָבן זיי זיך שוין געקליבן צו אַנט־לויפן. דעם 30סטן אַפּריל אין דער פרי האָט זיך באַוויזן די אַמעריקאַנער אַרמיי. מיט אונדזער הילף האָבן זיי געכאַפּט די אַנטלויפנדיקע ס"ס־לייט, צווישן זיי אויך אונדזער קאָמענדאַנט.

מיר האָבן גענומען גיין איבער די וואַגאָנעס און האָבן אַרויסגענומען 19 מתים. אַז דער צוג איז גע־פאָרן, און אויפן וועג איז עמיצער געשטאָרבן, פלעגט מען דעם מת אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער פון וואַגאָן. אָבער פאַר די לעצטע 19 האָבן מיר דאָ געמאַכט אַ מאַסן־קבר. מיר זענען שוין געווען פריי.

## נאָך דער באַפרייאונג

אויסגעשעפּטע, צעטומלטע זענען מיר געזעסן און געוואַרט אויפן רויטן קרייץ. אָבער, אַז קיינער איז נישט געקומען, און מען האָט קיין ברירה נישט געהאַט, האָט מען זיך געלאָזט איבער די דערפער. מען האָט געזוכט עסן און מען האָט געהאַפּט צו געפינען קרובים. אונדזערע צען לעבן־געבליבענע פּרושענער (איטשע יאַנוש, ירחמיאל קיוואַטינעץ, אַברהמל שוועלעוויטש, בערטשיק וואַרשאַווסקי, לייבל שאַפּיראָ, הערשל כאַנקאָווסקי, ישראל כאַמס־קי, סענדער זאַקהיים, ד"ר אַברהם טרעגער און איך) זענען אַריין אין אַ דאָרף און האָבן „אָקופּירט" אַ צימער ביי אַ דייטש אין הויז. מיר זענען דאָרט אָפּגעזעסן אַ חודש צייט. דאָס אַמעריקאַנער מיליטער האָט אונדז געגעבן עסן, אָבער דאָס וואָס מיר האָבן געקראָגן האָט נישט געשטילט אונדזער הונ־גער. ביז היינט איז מיר שווער צו זאָגן וואָס עס איז געווען. האָבן פּשוט די אַמעריקאַנער נישט באַגריפן ווי שטאַרק מיר זענען אויסגעהונגערט, אָדער זיי האָבן מורא געהאַט, אַז מיר זאָלן נישט קראַנק ווערן, אַז אונדזערע אויסגעהונגערטע מאַגנס קענען גאָר נישט פאַרדייען אַלץ וואָס מיר וואָלטן

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פּרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 622 הודפס ע"י אוצר החכמה

געקענט אויפעסן. איך ווייס נאָר איינס, אַז מיר זע־
נען געווען הונגעריק. מיר האָבן זיך ווידער גע־
מוזט לאָזן איבער די דערפער זוכן עסן. איינער
פון אונדז, ירחמיאל קיוואַטינעץ איז געשטאָרבן
צען טעג נאָך דער באַפרייאונג און מיר האָבן אים
באַגראָבן אין דעם מאַסן־קבר. דער ד״ר טרעגער
און שעוועלעוויטש זענען קראַנק געוואָרן אויף טו־
בערקולאָז. די אַמעריקאַנער האָבן זיי בײַדן אָפּגע־
פירט קיין גאָוטינג אין אַ סאַנאַטאָריע. אָבער אונ־
דזערע קראַנקע האָבן פּראָטעסטירט. זיי האָבן זיך
נישט געוואָלט מיט אונדז שיידן. מיר האָבן זיי צו־
געזאָגט, אַז מיר וועלן זיי נישט פאַרגעסן, און אַז
מיר וועלן זיי אָפּזוכן. מיר האָבן אונדזער צוזאָג

פאַר אונדזער קאָלעקטיוו גענוג געווען אין צימער.
אַלע פּרוזשענער וואָס זענען אָנגעקומען זענען אַרײַן
אין אונדזער קאָלעקטיוו און אין אונדזער צימער.
קיינער האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט.
מען האָט זיך געקלאַמערט איינער אָן צווייטן. דער
קאָלעקטיוו האָט פאַרטראָטן אַלץ וואָס מען האָט
פאַרלאָרן. אַז מיר זענען שוין געווען 27 פּרוזשע־
נער אין דעם איינעם צימער און עס האָבן אָנגע־
הויבן אָנקומען נאָך, האָבן מיר באַשלאָסן זיך צו
ווענדן צו דער לאַגער־פאַרוואַלטונג מען זאָל פאַר
אונדזער קאָלעקטיוו צוטיילן נאָך עטלעכע צימערן.
מען איז אונדז אַנטקעגנגעקומען. גאָר גיך האָט זיך
אין די שכנותדיקע לאַגערן צעטראָגן די ידיעה, אַז

אוצר החכמה



פּרוזשענער קאָלעקטיוו בעת אַ מאַניפעסטאַציע אין די־פּי־לאַגער פעלדאַפינג.

געהאַלטן. בײדע קראַנקע זענען געזונט געוואָרן.
אין דעם דאָרף זענען מיר, ווי אַ קליינער פּרו־
זשענער קאָלעקטיוו, אָפּגעזעסן דעם גאַנצן חודש
מאַי. דעם 1טן יוני זענען ענדלעך געקומען אַמערי־
קאַנער לאַסט־אויטאָס און מען האָט אונדז אָפּגע־
פירט אין פעלדאַפינג, וואָס האָט פון איצט אָן גע־
דאַרפט ווערן אַ מקום־מנוחה פאַר לעבן־געבליבע־
נע קאַצעטלערס.

## פעלדאַפינג

אין פעלדאַפינג האָבן מיר געטראָפן נאָך עטלע־
כע פּרוזשענער און אונדזער קאָלעקטיוו האָט זיך
אָנגעהויבן פאַרגרעסערן. עס האָבן אָנגעהויבן אָנ־
קומען נײַע קאַצעטלערס. אין פעלדאַפינג האָט מען
געוווינט צו 12 מענטשן אין אַ צימער; געשלאָפן
איז מען אין 6 צווייגאָרנדיקע בעטן. צוערשט איז

אין פעלדאַפינג עקזיסטירט אַ פּרוזשענער קאָלעק־
טיוו און פון אַלע זײַטן האָבן די פאַריתומטע פּרו־
זשענער אָנגעהויבן קומען אין פעלדאַפינג.
כדי צו קריגן די פּאַרציע עסן האָט מען געמוזט
זײַן אָפיציעל פאַררעגיסטרירט אין לאַגער. דאָס
רעגיסטרירן זיך האָט געוויינטלעך געדויערט אַ
ביסל, און דערווייל האָבן אונדזערע נײַ־אָנגעקומענע
פּרוזשענער געמוזט עסן. האָבן מיר באַשלאָסן אָפּ־
צונעמען אַלע פּרוזשענער רעגיסטרירטע פּאַרציעס
מיט איין מאָל און פאַרטיילן עס צווישן אַלע מיט־
גלידער פון קאָלעקטיוו, די רעגיסטרירטע און ניט־
רעגיסטרירטע. ס'האָט אָבער געדראָט, אַז מיר זאָלן
אַלע צוזאַמען פאַרהונגערט ווערן. איז בײַ אונדז
געבוירן געוואָרן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פאַרגרעסערן
אונדזערע פּאַרציעס. פיר מיטגלידער פון קאָלעק־
טיוו: הערשל כאַנקאָווסקי, בערטשיק וואַרשאַווסקי,

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 623 הודפס ע"י אוצר החכמה

ליבל שאַפּיראָ און איך האָבן זיך אונטערגענומען צו אַרבעטן ביים ברענגען די קעסלען פון קיך פאַרן גאַנצן בלאָק. מיר האָבן דערפאַר געקראָגן יעווע־רער אַ טאָפּעלע פּאָרציע עסן און אונדזער קאָלעק־טיוו איז געוואָרן „רייכער". אַנדערע פון אונדז האָבן זיך געמאָלדן צו דער לאַגער־פאַרוואַלטונג, אַז זיי ווילן טאָן פאַרשיידענע שוואַרצע אַרבעט אין וועלכע די פאַרוואַלטונג וועט זיך נאָר נייטיקן און מ׳זאָל זיי דערפאַר צאָלן מיט שפּייז. דאָס פלעגט ווי־דער גיין פאַרן קאָלעקטיוו. בכלל האָבן סיי די לאַגער־פאַרוואַלטונג און סיי די פאָרשטייערס פון אונראַ זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו אונדזער קאָ־לעקטיוו און זיי זענען אונדז גערן אַנטקעגנגעקומען

אוצר החכמה

שאַפן דעם אונטערשייד צווישן אונדז און זיי). עס האָבן זיך אָנגעהויבן אינדיווידועלע קאָנפליקטן צווישן מיטגלידער און עס איז אָנגעקומען אַ סך שווערער ווי פריִער צוזאַמענצוהאַלטן דעם קאָ־לעקטיוו.

אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם האָבן מיר זיך דאָך ווייטער געהאַלטן צוזאַמען. אמת, די הילפ־לאָזיקייט פון די ערשטע צייטן האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן; מען איז שוין אויך נישט געווען אַזוי שטאַרק אָפּהענגיק פון דער מאַטעריע־לער הילף וואָס דער קאָלעקטיוו האָט געגעבן. גע־בליבן איז די מורא פאַר איינזאַמקייט, דער קאָלעק־טיוו איז פאַר אונדז געוואָרן אונדזער משפחה.



אַ צווייטער פראַגמענט פון דער כ.אַניפעסטאַציע אין פעלדאַפינג.

אין אונדזערע בקשות. אונדזער קאָלעקטיוו איז גע־וואָרן זייער פּאָפּולער, און צו אונדז, פרוזשענער, האָבן זיך אויך צוגעטוליעט די קאַצעטלערס פון אונדזערע שכנותדיקע שטעטלעך מאַלטש און שער־שעוו..

אין אָנהייב פון יאָר 1946 איז די לאַגע אין אונדזער קאָלעקטיוו געוואָרן אַ סך קאָמפּליצירטער ווי פריִער. פון פוילן האָבן אָנגעהויבן קומען פרו־זשענער, געוועזענע פאַרטיזאַנער און אַזעלכע וואָס זענען בעת דער מלחמה געווען אין רוסלאַנד. אונ־דזער קאָלעקטיוו האָט שוין איצט געציילט 120 מיטגלידער. (די נייע מיטגלידער האָבן אין קאָ־לעקטיוו אַריינגעטראָגן עפּעס אַ נייע שטימונג. ווייזט אויס, אַז דער פאַקט וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט די מלחמה אין פאַרשיידענע באַדינגונגען האָט גע־

## דער לעצטער אַקט פון אונדזערע פאַרטיזאַנער אין פרוזשענע

פון אונדזערע לעבן־געבליבענע פאַרטיזאַנער האָבן מיר זיך דערוווסט אָט וואָס: עטלעכע טעג נאָך דער ליקווידאַציע פון פרוזשענער געטאָ איז אין פרוזשענע אַריין אַ גרופּע פון אונדזערע פאַר־טיזאַנער און זיי האָבן אויפגעריסן דאָס הויז פון דער געסטאַפּאָ (משה בורשטינס הויז אויף טשע־טשיעגאָ מאַיאַ, געוועזענע פּאָטשטאָווע גאַס), צוזאַ־מען מיט די געסטאַפּאָ־לייט, וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. איינער פון דער דאָזיקער גרופּע פאַרטי־זאַנער, יעקב ראָזנבלום איז לעבן־געבליבן און ער געפינט זיך היינט אין ניו־יאָרק.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 624 הודפס ע״י אוצר החכמה

## דער פּרושענער קאָלעקטיוו ביי דער אַרבעט

צו דער פאַרוואַלטונג פון קאָלעקטיוו האָבן געהערט: הערשל כאַנקאַוווקי, לייבל שאַפּירא, אברהם סעלעצקי, בערטשיק וואַרשאַווסקי און איך. מיר האָבן זיך נישט באַנוגנט מיט דעם וואָס פּרושענער זענען געקומען צו אונדז; מיר האָבן זיי אַליין אָנגעהויבן זוכן: מיר האָבן געשיקט אונדזערע פאַרשטייערס איבער אַלע לאַגערן אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע; מיר האָבן זיי אויך געזוכט אין פּוילן. נישט געקוקט אויף דער זייער שלעכטער קאָמוניקאַציע פלעגן מיר זיי אַלעמען ברענגען אין פעלדאַפינג. ווען מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז אין לאַגער בערגען־בעלזען געפינען זיך לעבן־געבליבענע פרויען האָבן מיר אַהין געשיקט 5 אונדזערע מענטשן און זיי האָבן מיט זיך געבראַכט אין אונדזער קאָלעקטיוו אַריין אַ גרופּע פרויען — פּרושענער, מאַלטשער, שערשעווער און פון אַנדערע שטעטלעך לעבן פּרושענע.

אוצר החכמה

אונדזער קאָלעקטיוו האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ וויניקער געהאַלטן ביי דער געאָגראַפיע. צו אונדז זענען צוגעשטאַנען עלנטע ביאַליסטאָקער, סלאָנימער און אַנדערע. די מיטגלידער פון קאָלעקטיוו האָבן געוווינט אין זיבן צימערן. זעקס האָבן פאַרנומען די מענער, אין דעם זיבעטן, דעם גרעסטן און שענסטן צימער, האָבן געוווינט די פרויען. עטלעכע אונדזערע מיטגלידער האָבן געוווינט אין וואַלדהיים נישט ווייט פון פעלדאַפינג, און אויך אין דעם פאַמיליען־לאַגער אין פריימאַן לעבן מינכען דאָס איז געווען נאָענט פון פעלדאַפינג און זיי פלעגן גאַנצע טעג פאַרברענגען מיט אונדז צוזאַמען און אַנטייל נעמען אין אונדזערע פאַרזאַמלונגען און טרויער־אַקאַדעמיעס. מיר פלעגן אַלע עסן צוזאַמען, פירן שמועסן, און אַ מאָל אויך זינגען צוזאַמען.

ווי נאָר עס זענען אָנגעקומען די פרויען האָבן זיך באַלד גענומען שאַפן פאַרלעך. מען האָט אָנגעהויבן בויען נייע משפחות. דער קאָלעקטיוו האָט דורכגעפירט עטלעכע חתונות. איין חתונה, צו וועלכער מיר האָבן זיך געגרייט און זי איז נישט צושטאַנד געקומען, האָט אונדז אַלעמען אויפגעטרייסלט. אַ פּרושענער מיידל האָט געזאָלט חתונה האָבן מיט אַ יונגן מאַן פון פּוילן. די חתונה האָט געזאָלט פאָרקומען אין אַ זונטיק און אַלץ איז שוין געווען צוגעגרייט. פרייטיק איז אין פעלדאַפינג אָנגעקומען דעם יונגן מאַנס פרוי — דער יונגער מאַן האָט נישט געוווסט, אַז זי לעבט.

אוצר החכמה

מיר זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט וועגן גורל פון אונדזערע יוגנטלעכע. דער לאַגער האָט זיי דעמאָראַליזירט. אין די ערשטע צייטן נאָך דער דייטשער מפּלה פלעגן יידישע יוגנטלעכע אַרומפאָרן מיט באַנען און „כאַפּן" וואַליזעס ביי דייטשע פּאַסאַזשירן. דער יוגנטלעכער פלעגט אַ כאַפּ טאָן די וואַליזע אין לעצטן מאָמענט ווען דער באַן פלעגט זיך שוין האַלטן ביים אָפּשטעלן און ער פלעגט איר אַרויסוואַרפן דורכן פענצטער פון וואַ־



יזכור־פאַרזאַמלונג פון פּרושענער אין די־פּי־לאַגער בעלדאַפּינג, אין יאָר 1946.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התוכנה

גאָן. ער אַליין פלעגט אַראָפּשפּרינגען פון באַן, אַ הייב טאָן די וואַליזע און אַנטלויפן. מיר האָבן ניט געוואָרט ביז די פּאָליציי וועט כאַפּן אונדזערע יוגנטלעכע. מיר האָבן אַליין געכאַפּט 4 אונדזערע יוגנטלעכע ביי אַזאַ פאַרברעכן. מיר האָבן זיי געוואָרנט, אַז אויב עס וועט זיך נאָך אַ מאָל איבערחזרן וועלן מיר זיי אויסשליסן פון קאָלעקטיוו. פאַר אונדז איז דאָס געווען אַ וואָרענונג, אַז מיט די יוגנטלעכע דאַרפן מיר זיך ספּעציעל פאַרנעמען. אונדזער ערשטע זענדונג קיין אַמעריקע איז טאַקע געווען: העלפט אונדז ראַטעווען אונדזערע יוגנטלעכע פון דעמאָראַליזאַציע.

נישט דעמאָראַליזירט ווערן. מיר האָבן אַ סך געטראַכט וועגן דעם. מיר האָבן זיך באַמיט, אַז אונדזערע פּרוזשענער זאָלן נישט זיצן און וואַרטן אויף די אומזיסטע לאַגער-פּאַרציעס. יעדערער פון אונדז האָט גענומען זוכן עפּעס אַן אַרבעט. אַ גרויסער טייל פון אונדזערע מיטגלידער איז געוואָרן באַשעפטיקט אין די וואַרשטאַטן, מאַגאַזינען, אין קיך און אויך אין דער לאַגער-פּאָליציי.

## קאַנטאַקט מיט אַמעריקע

ווי אַלע קאַצעטלערס האָבן מיר אויך געזוכט אַ וועג זיך צו פאַרבינדן מיט אונדזערע קרובים פון אויסלאַנד. קיין אַדרעסן האָט קיינער ביי זיך נישט געהאַט און אויך נישט געדענקט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז האַרט פאַר דער מלחמה איז דער פּרוזשענער שול-טוער אַרע זלאַטניק אַוועקגעפאָרן קיין ניו-יאָרק; זיין גענויעם אַדרעס האָב איך אָבער נישט געהאַט. מיר האָבן זיך געטראָפן מיט אַן אַמעריקאַנער יידישן זעלנער סאָל (שלמה) מאַריץ און מיר האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל אָנשרייבן צו זיינע עלטערן און זיי בעטן אַז זיי זאָלן אויפזוכן אַרע זלאַטניקן אין ניו-יאָרק. עס האָט נישט-לאַנג געדויערט און דער דאָזיקער יידישער זעלנער האָט מיט שטאָלצער פרייד אונדז געבראַכט דעם אַדרעס פון אַרע זלאַטניקן. זיינע עלטערן האָבן אים אָפּגעזוכט.

צו אַרע זלאַטניקן האָבן מיר אַוועקגעשיקט אַ רשימה פון אַלע לעבן-געבליבענע פּרוזשענער און ווו יעדער איינער פון זיי געפינט זיך. די רשימה האָבן מיר באַגלייט מיט אַ באַשרייבונג פון אונדזער חורבן. מיר האָבן געבעטן אַרע זלאַטניקן, אַז ער זאָל אָפּדרוקן אונדזער רשימה אין דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע און מיר האָבן געבעטן, אַז דאָס זאָל אויך אָפּדרוקן די יידישע פּרעסע אויף דער גאַנצער וועלט.

וועגן אונדז האָט זיך דערוווּסט דער פּרוזשענער רעליף-קאָמיטעט אין אַמעריקע. דער דאָזיקער רעליף-קאָמיטעט האָט שוין אַ לאַנגע טראַדיציע נאָך פון דער ערשטער וועלט-מלחמה צו העלפן די פּרוזשענער פון יענער זייט ים. ווי נאָר זיי האָבן אָפּגענומען דעם ערשטן גרוס פון אונדז האָבן זיי זיך תיכף גענומען אונדז העלפן. זיי האָבן אַפילו נישט געוואַרט ביז די קרובים וועלן זיך אָפּרופן. זיי האָבן אַליין גענומען אונדז שיקן פּעקלעך מיט שפּייז, מלבושים און געלט.



די קרענץ אויפן קבר פון דוד קאַביזעצקי



דוד קאַביזעצקי מיט דער ביקס.

הדפסה ברזולוציית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 626 הודפס ע"י אוצר החכמה

די פאַרוואַלטונג פון קאָלעקטיוו האָט מיט דעם אויך געהאַט שוועריקייטן. מען האָט געמוזט זאָרגן, אַז אַלץ זאָל פאַרטיילט ווערן יושרדיק, אַז עס זאָלן נישט זיין קיין באַעוולטע. קיין האַרצוועיטיק האָט אונדז דערביי נישט געפעלט, אָבער די מורא פאַר אַ דעמאָראַליזאַציע האָט אונדז געהאָלפן איבערקומען די דאָזיקע שוועריקייטן.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען צו אונדז אַמעריקאַנער יידישע זעלנער וועמענס משפּחות האָבן געשטאַמט פון פּרוזשענע. זיי האָבן אונדז אָנגעבאָטן זייער הילף. איינער פון זיי האָט געהייסן הײמאַן טראָזאָלימסקי (אָדער ראָזאָלימסקי?).

דער פּרוזשענער רעליף־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק האָט, מיטן אָנטייל פון די פּרוזשענער ייִדן אין פילאַדעלפיע און טשיקאַגאָ, פון קובאַ און אַרגענטינע, געשאַפן אַ פאָנד פאַר די פּרוזשענער לעבנגעבליבענע. זיי האָבן געשאַפן פאַר אונדז פופציק טויזנט דאָלאַר.

ווען די ערשטע דעלעגאַציע פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט איז געקומען אין פעלדאַפינג האָבן זיינע פאָרשטייערס וואָלפערט און גאָלדמאַן געבראַכט פאַר אונדז פון פּרוזשענער רעליף־קאָמיטעט 2.000 דאָלאַר.

עס איז געקומען די צייט פון עמיגראַציע. דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט, דער האַיאַס און דער דזשאָינט האָבן יעדערער געטאָן זיין חוב. אָבער אויך דער פּרוזשענער רעליף־קאָמיטעט איז נישט אָפּגעשטאַנען, אויך זיי האָבן געהאָלפן מיט עמיגראַציע־פּאַפּירן און געלט.

דער גרעסטער טייל פּרוזשענער איז געפאָרן קיין אַמעריקע, קלענערע גרופּעס זענען געפאָרן צו זייערע קרובים אין ישראל, קובאַ און אַרגענטינע. אָבער סיי די וואָס זענען געקומען קיין אַמעריקע, סיי די וואָס זענען אַוועק אין ישראל האָבן די ערשטע צייט געקריגן הילף (געלט און אַרבעט) פון פּרוזשענער רעליף־קאָמיטעט. אין דער הילפס־אַרבעט פון פּרוזשענער רעליף־קאָמיטעט פאַר די לעבן־געבליבענע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן זיך באַטייליקט אַ סך פּרוזשענער ייִדן. זיי אַלעמען אויסצורעכענען איז אוממעגלעך.

אַוודאַי האָבן מיר נישט פאַרגעסן דעם צוזאָג, וואָס מיר האָבן געגעבן אונדזערע קראַנקע אין גאַוטינג. דאָרט זענען שפּעטער געווען מער ווי די ערשטע צוויי פּרוזשענער. דער רעליף־קאָמיטעט האָט זיי רעגולער געשיקט הילף. די וואָס זענען אין גאַנצן געזונט געוואָרן זענען געפאָרן צוזאַמען מיט אונדז. אָבער דריי קראַנקע פּרוזשענער, וואָס מען האָט נישט אַריינגעלאָזט אין אַמעריקע געפינען זיך איצט אין נאָרוועגיע.

## פּרוזשענער קרבנות פון קאַמף

אין 1944 איז אין פּרויען־לאַגער אוישוויץ אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד: עס זענען אויפגעריסן געוואָרן קרעמאַטאָריעס; מען האָט אומגעבראַכט קאַפּאָס. צוויי מיידלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער אַמוניציע־פאַבריק „אוניאָן" און וואָס זענען געווען צווישן די צושטעלערקעס פון אויפרייס־מאַטעריאַל פאַרן אויפשטאַנד האָט מען געכאַפּט און מען האָט זיי ביידע אויפגעהאָנגען. איינע פון די צוויי איז די פּרוזשענער מיידל אסתר ווייסבלום. זי איז געווען שמעון יאַדלאָווס אַן אייניקל. פאַר דער מלחמה האָט זי געוווינט אין וואַרשע.



ביים קבר פון דוד קאַביזעצקי

## דוד קאַביזעצקי

ווען מיר זענען שוין באַפרייטע געזעסן אין פעלדאַפינג, איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז אין אַ שכנותדיקן וואַלד דרייען זיך אַרום ס״ס־לייט. אַ גרופּע פון דער לאַגער־פּאָליציי איז אַוועק אין וואַלד ווו עס איז געקומען צו אַ צוזאַמענשטויס צווישן דער פּאָליציי מיט די ס״ס. איין פּאָליציאַנט, דער פּרוזשענער דוד קאַביזעצקי איז אומגעקומען אין דער דאָזיקער לעצטער שלאַכט. מיר, די פּרוזשענער, האָבן, צוזאַמען מיט דער לאַגער־פּאָליציי, איינגעאָרדנט די לוויה, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסער פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע קעגן נאַציזם. דאָס איז געווען אונדזער לעצטער קרבן **אויף דער דייטשער ערד.**

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 627 הודפס ע״י אוצר החכמה

## אין אַמעריקע

דאָ טרעפן זיך די ניי־געקומענע פּרושענער אָפּט צונויף. זיי קומען צו די עפנטלעכע אונטערנעמונגען פון פּרושענער רעליף־קאָמיטעט. אָבער ס'איז דאָ איין טאָג אין יאָר, וואָס בינדט אונדז אַלעמע צום שטאַרקסט. דאָס איז דער טאָג ווען מיר האָב יאָרצייט נאָך אונדזערע פּרושענער קדושים — יעדן ערשטן זונטיק פון חודש פעברואַר.

אוצר החכמה



פּרושענער אין די פּי־לאַגער פעלדאַפינג טראָגן אַ קראַנץ צום קבר פון דוד קאַביזעצקי. צו זיין ערשטער יאָרצייט.

פּרושענער לעבן־געבליבענע אין אַ איטאַליענער לאַגע אויף אַ יזכור־פאַרזאַמלונג אין יאָר 1947.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 628 הודפס ע"י אוצר החכמה

**זאַוועל סעגאַל** (ניו־יאָרק)

# זכרונות פון פּרוזשענער געטאָ

מיין פריִע יוגנט ביז אַן ערך 17 יאָר אַלט, האָב איך פאַרבראַכט אין פּרוזשענע. זיך געהאָדעוועט ביי מיין פאָטער ר׳ וועלוול סעגאַל און מיין מוטער אסתר־רחל ע״ה פון דער היים קרוצעל.

נאָכדעם האָב איך געוווינט אין דאַנציק. צוריק אין פּרוזשענע בין איך געקומען אין סעפּטעמבער 1939, ווען עס האָט אויסגעבראָכן דער שרעקלעכער פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די שטאָט איז דאַן פאַרנומען געוואָרן פון דער רויטער אַרמיי. מיר האָבן געלעבט קאַרגע 2 יאָר מיט די רוסן און געהאָפט אויף בעסערע צייטן.

דעם 27טן יוני 1941 איז פּרוזשענע פאַרנומען געוואָרן פון די דייטשן. מיר האָבן גאַנץ גוט געוווּסט וואָס עס האָט זיך געטון אין פּוילן פון 1939 ביז 1941. אַ כמאַרע פון זאָרג האָט זיך אַרויפגעצויגן אויף די פּנימער פון אונדזערע פּרוזשענער ייִדן. יעדער איינער פון אונדז האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון וועגן דער טרויעריקער צוקונפט וואָס עס שטייט אונדז פאָר און שטאַרק איז געווען דער שאָק. דאָס האַרץ האָט זיך געטרייסלט און אין מוח האָט זיך געמישט, ווען מען האָט געזען מיט וואָס פאַר אַ חוצפּה די ריזיקע דייטשע אַרמיי־גרופּן האָבן זיך באַוועגט.

ייִדישע פאַרבייגייער זענען מערדערלעך צעשלאָגן געוואָרן; אין די וווינונגען האָט מען רויבירט. די אויפשריפטן אויף די גרויסע טראַקטן, למשל: „בערלין ־ מאָסקווע“, „פראַנקפורט־וולאַדיוואָסטאָק“, „קעניגסבערג־אָדעס“ און די אַנטיסעמיטישע לאָזונגען זענען געווען דערשיטערנד. (דער שרייבער פון די שורות האָט שפּעטער דערלעבט צו זען לאַנגע עשאַלאָנען מיט דער „אויסדערוויילטער ראַסע“, וואָס זענען געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג צעפרעסן פון לייז און דורכגעפרוירן פון רוסישן „גענעראַל ווינטער“).

כל־זמן די אַרמיי האָט זיך באַוועגט איז נאָך געווען צו דערהאַלטן. עס זענען פאָרט געווען יחידים וועלכע האָבן שוין געשמעקט פּולווער און נישט געווען אַזוי באַגייסטערט פון דער גאַנצער אינסצעני־זירונג. שפּעטער איז געקומען די אַזוי גערופענע ציווילע פאַרוואַלטונג, וואָס איז באַשטאַנען פון געשטאַפּאָ, „ס. ס.“, „ס. אַ.“, „ס. ד.“, מענטשן וועלכע זענען דערצויגן געוואָרן ווי חיות אין דער היטלער־יוגנט, צו מאָרדן און צו רויבן. דעגענעראַטן פון דער אונטערוועלט מיט דער בידעריקסטער אינטעלעקטועלער שטופע, פּשוטע אַנאַלפאַבעטן. זייערע אָפיצירן זענען געווען ייִנגלעך אין די צוואַנציקער. די דאָזיקע פאַרשוינען זענען איבערנאַכט געוואָרן די בעלי בתים פון אונדזער האָב און גוטס און דער עיקר — פון אונדזערע לעבנס.

אַן ערך דעם 5טן יולי 1941 האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אויף די גאַסן מיט אַ פאַראָרדענונג, אַז אין משך פון 48 שעה איז די ייִדישע באַפעלקערונג מחויב אויסצוקלייבן פון זיך אַ „יודענראַט“ פון 5 מיטגלידער (די צאָל מיטגלידער איז געווען אָפּהענגיק פון דער צאָל נפשות; מיר האָבן דאַן פאַרמאָגט אַן ערך דריי מיט אַ האַלבן טויזנט ייִדישע נפשות). דער „יודענראַט“, האָט די פאַראָרדענונג געזאָגט, איז קאָלעקטיוו פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער גאַנצער געמיינשאַפט.

געוווינט האָב איך דאַן אין דער הויז פון מיין געוועזענעם שווער, דעם נאָבעלן און פיינעם ד״ר זשעלעניעצקי. דעם זעלבן טאָג, האָט אונדז באַזוכט אונדזער פריינט, פּרוי ד״ר אָליע גאָלדפּיין, אַלס שליח פון אונדזער רב ר׳ דוד פייגענבוים ע״ה און געזאָגט צו מיר בזה הלשון: „דו ביזט נאָמינירט געוואָרן ווי איינער פון די 5 מיטגלידער פון „יודענראַט“. אַלס קינד פון פּרוזשענע און אַלס איינער וואָס האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט צווישן די דייטשן (אין דאַנציק), זענען מיר זיכער, אַז דו באַזיצסט די נויטיקע קוואַליפיקאַציעס אונדז געהעריק צו פאַרטרעטן“.

וויסנדיק ווי אַזוי די ייִדישע פאָרשטייער אין פּוילן זענען כסדר איינע נאָך די אַנדערע דערשאָסן געוואָרן און אויב אַפילו איך וועל בלייבן לעבן, האָב איך מיר אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון די טאָרטורן, בזיונות און שפיכת־דמים וואָס ..ך וועל האָבן אויסצושטיין. איך האָב געזאָגט עטלעכע ווערטער. האָבן אָבער מיין פאָטער און ד״ר זשעלעניעצקי מיר איבערגעשלאָגן און געזאָגט: „די שעה איז צו־ערנסט צו פירן וועלכע עס איז דיסקוסיעס, די אינטערעסן פון כלל זענען העכער. דאָס איז מן השמים און דו

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 629 הודפס ע״י אוצר החכמה

דאַרפסט זיין גליקלעך, דאָס אויף דיר איז געפאַלן דער גורל״.

און אַזוי בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון ערשטן „יודענראַט״, וועמענס מיטגלידער זענען באַשטאַנען פון: אַדוו. וו. שרייבמאַן — פאָרזיצער; מיטגלידער: אַדוו. לעוויצקי, שטרייכער, מ. מאַטיל, זאָוועל סעגאַל.

מיר זענען זיך גלייך צוזאַמענגעקומען אין אַ קליינעם לאָקאַל (אין דעם הויז פון דוד בערעזאָווסקי, אַלט שערעשעווער גאַס, לעבן בית־יעקב בית־מדרש). אַלס סעקרעטאַר איז געווילט געוואָרן אליעזר שיין, געשטאַמט פון לאָדזש און אַלס פּליט בעת דער מלחמה פאַרוואָגלט געוואָרן אין פּרוזשענע. מיר האָבן זיך באַראַטן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געזוכט צו קומען צו אַן אויספיר וואָס שייך אונדזערע אויפגאַבן און אַרבעט.

אויף מאָרגן אין דער פרי איז געקומען אַ שליח און געמאָלדן, אַז דער שעף פון געשטאַפּאָ באַפעלט, אַז איינער אָדער 2 מיטגלידער פון „יודענראַט״ זאָלן זיך צו אים זאָפאָרט מעלדן. דער גורל איז געפאַלן אויף וו. שרייבמאַנען און מיר. מיר זענען אַוועק אין שטאַב פון געשטאַפּאָ וואָס האָט זיך געפונען אין פּוילישן קאַשציאָל. אויפן הויף האָבן מיר געטראָפן פיל געשטאַפּאָ־לייט וועלכע זענען דאָס רוב געווען שכור. צוזאַמען מיט זיי זענען אויך געווען זייערע העלפער אָדער אַזוי־גערופענע דאָלמעטשער, מייסטנס רעקרוטירט פון דער פאַרפוילטער רוסישער ווייסער עמיגראַציע, — דעגענערירט פונקט ווי זייערע בעלי־בתים.

ווען מיר זענען אַריין אין קשיאַנדזס וווינונג און געזאָגט ווער מיר זענען, האָט זיך אָנגערופן איינער פון די דאָלמעטשער: „לאַנג וועט איר שוין ניט לעבן״. מיר זענען אַריינגעפירט געוואָרן צום שעף, וועלכער איז געווען אַן אָפיציר פון געשטאַפּאָ און האָט אויסגעזען צו זיין אַרום אַ פּאָר און צוואַנציק יאָר אַלט. ער האָט אונדז געהייסן זיך אויסדרייען מיטן פּנים צו דער וואַנט. געזאָגט אַז ער, שערמאַן, איז דער שעף פון געשטאַפּאָ אויף דער טעריטאָריע פון בריסק ביז באַראַנאָוויטש. ער האָט געשאַטן פעך און שוועבל אויף יידן, זיי שיסן צו דער אַרמיי, באַפאַלן דייטשן אאַ״וו. אין בריסק, זאָגט ער, זענען געוואָרן דערשאָסן 2.000 יידישע יונגעלייט. אין קאַמענעץ 200 און דאָס זעלבע דערוואַרט אונדז אין פּרוזשענע. איך האָב מיך אָנגענומען מיט מוט און געזאָגט, דאָס די פּרוזשענער יידן האָבן אַ טראַדיציע נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה צו זיין לאָיאַל לגבי דער מאַכט. מיר זענען אַן עלעמענט וואָס באַשטייט מייסטנס פון האַנדווערקער און ערד־אַרבעטער, מיר אַרבעטן שווער, מאַכן קיום אַ לעבן און האָבן זיך קיינמאָל נישט פאַרנומען מיט פּאָליטיק.

הפנים, אַז מיין רעדע, וועלכע האָט געדויערט אַן ערך 15 מינוט, האָט געהאַט די געהעריקע ווירקונג. דער דאָזיקער שערמאַן איז געווען ביי אונדז אַן ערך 8 וואָכן. אין משך פון דער צייט איז אונדז געלונגען אים איינצובייסן. עס קלינגט אפשר ווי אַ פּאַראַדאָקס, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז ווען ער האָט געדאַרפט מאַכן זיינע באַריכטן צו דער צענטראַלע פון געשטאַפּאָ, האָב איך אים דערביי מיטגעהאָלפן. מיר איז אויסגעקומען צענדליקער מאָל צו אינטערווענירן פאַר פּרוזשענער און אויך פאַר יידן פון די אַרומיקע שטעטלעך. איך האָב מערערע נפשות אַרויסגעריסן פון די נעגל פון טויט. איינע פון מיינע אויפגאַבעס איז אויך געווען צו זען, אַז די בחורים און מיידלעך וועלכע זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט, זאָלן ווערן ווי אַמווייניקסטן סאַדיסטיש באַהאַנדלט.

אַ גרויסער קלאַפּ איז פאַר מיר געווען דאָס דערשיסן פון 18 נפשות. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פערזאָנען וואָס זענען געפאַלן אַ קרבן פון אינדיווידועלע מסירות פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. עס האָט אונדז לייד נישט געהאָלפן אונדזער אויסערגעוויינלעכע מי און אָנשטרענגונג. שערמאַן איז גראַד געווען אַוועקגעפאָרן און מיט זיין פאַרטרעטער איז גאָרנישט געווען צו מאַכן.

דער פראָנט האָט זיך גערוקט מער צום מזרח. פּרוזשענע איז געוואָרן אַ טייל פון מזרח־פּריסן. ניט ווייט פון די קאַשאַרן (קאַזאַרמעס) איז געווען די גרענעץ מיט ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. פּרוזשענע איז געוואָרן דער זיץ פון אַ לאַנדסראַטסאַמט (סטאַראָסטוואָ). עס איז געקומען דער ערשטער בירגערמייסטער. זיין נאָמען איז געווען שוהמאַכער. מיט אַ סך געדולד איז מען דערגאַנגען צו אַ שטופּע, אַז מען האָט געקענט רעדן צו אים ווי צו אַ מענטשן און פועלן אַז זיין אויער זאָל זיך צוהערן צו אַ טייל פון אונדזערע פּראָבלעמען. עס איז אָנגעקומען אַ געוואַלדיקע צאָל דייטשע באַאַמטע פאַר וועמען מען האָט געדאַרפט איינאָרדענען קאָמפּלעטע וווינונגען. די 5 מיטגלידער פון „יודענראַט״ זענען געשטאַנען פאַר פּראָבלעמען וואָס זענען געווען אוממעגלעך צו לייזן. אונדזער חשובע ד״ר אליע גאָלדפּיין איז אונדז געקומען צו הילף. זי האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פרויען און איבער נאַכט פלעגט זי איינאָרדענען גאַנצע וווינונגען און שאַפן זאַפאַסן פון וועש און אַלערליי הויז־מטלטלים. אליע האָט ממש באַוויזן וווּנדער.

גזירות זענען געקומען איינע נאָך דער אַנדערער. מען האָט אונדז געהייסן אָנטאָן געלע לאַטעס אויפן ברוסט און אויף דער פּלייצע; מיר האָבן נישט געטאָרט גיין אויפן טראָטואַר נאָר אויפן ברוק. און דאַן איז געקומען די פאַראָרדענונג פון לאַנדראַט אָפּצושליסן אונדז אין געטאָ. ווען איך בין געקומען אין לאַנדסראַטסאַמט (זיך געפונען אין דער געביידע

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פּרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 630 הודפס ע״י אוצר החכמה

פון פּוילישן געריכט)) אויסצוהערן דעם באַפעל פון דער דאָזיקער גזירה, האָט מען מיר געזאָגט, דאָס פּרוזשענע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן געטאָ. די קריסטלעכע באַפעלקערונג ווערט עוואַקויִרט פון צענטער־שטאָט. קלענערע ייִדישע ישובים פון אומגעגנט ווערן ליקווידירט און די ייִדן ווערן געבראַכט צו אונדז. מיר וועלן אויך אַריינבאַקומען דעם איבער פלוס פון ביאַליסטאָקער געטאָ. צוזאַמען וועלן מיר ציילן אַן ערך 20.000 ייִדישע נפשות. אונדזער „יודענראַט" דאַרף פון איצט אָן באַשטיין פון 24 מיטגלידער. די ליסטע דאַרף אים צוגעשטעלט ווערן אויף מאָרגן פרי.

אונדזערע 5 מיטגלידער זענען מיטן גאַנצן אימפּעט צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. אונדזערע ביוראָען זענען איבערגעטראָגן געוואָרן אין דעם הויז פון אליהו פּאַמעראַניעץ. דאָרט איז אין משך פון אַ גאַנצע נאַכט פאַרגעקומען אונדזער קאָנסטיטוּאירנדע פאַרזאַמלונג אויף וועלכער די דערמאָנטע 24 מיטגלידער זענען געווילט געוואָרן. יעדער מיטגליד האָט אָנגעפירט מיט אַ געוויסן רעסאָרט אָדער מיטגעאַרבעט אין אים. און אָט איז די ליסטע פון זיי:

1) איצל יאַנאָוויץ — פּאַרזיצער;
2) אַד. וועלוול שרייבמאַן — וויצע־פּאַרזיצער;
3) אליעזר שיין — סעקר. פון זיכערהייטס־אַמט;
4) שלמה יודעוויץ — אַפּראָוויזאַציע־אַמט;
5) שטרייכער — געזונטהייטס־אַמט;
6) משה גאָלדשטיין — עפנטלעכע הילף;
7) אליהו בירנבוים — פינאַנצן;
8) מיכל יאַנאָוויץ און
9) איצע קלעניצקי — מלאכה־אָפּטיילונג;
10) מאיר מאַטיל און
11) ליפּע זאַקהיים — פּאָליציי און פייערלעשער;
12) אַדוו. לעוויצקי — געריכט־וועזן
13) אלתר פייבושינסקי,
14) וועוע ניצבערג און
15) אַבֿרהם ברעסקי — ליקווידאַציע־אָפּטיילונג;
16) לייבל גאָלדבערג — אַרבעטס־אָפּטיילונג;
17) ישעיהו סאַפּיר — וווינונגען;
18) ספּעקטאָר — הויפּט־בוכהאַלטונג;
19) אַבֿרעמל בערמאַן און
20) שמואל־לייב באַריישע — שוסטעריי;
21) שלמה סערלין — סטאָלעריי;
22) דוד ראַסכאָווסקי — קאָנטראָל־אַמט;
23) פייוול גאָלדפיין — עווידענץ פון באַפעלקערונג;
24) זאַוועל סעגעל — פאַרטרעטער פון „יודענראַט" אויסערהאַלב פון געטאָ.

עס איז אויך געשאַפן געוואָרן אַ פּרעזידיום פון פאָלגנדע מיטגלידער:

1) איצל יאַנאָוויץ; 2) וועלוול שרייבמאַן; 3) שלמה יודעוויץ; ) אלתר פייבושינסקי; 5) זאַוועל סעגעל.

דער „יודענראַט" האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן און אין עטלעכע טעג שפּעטער איז דאָס פאַרמאַכן אונדז אין געטאָ געוואָרן אַ פאַקט. עס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען די טראַנספּאָרטן פון די אַרויסגעטריבענע פון אַנדערע שטעטלעך. דער ערשטער טראַנספּאָרט איז אָנגעקומען פון הײנאָווקע. נאָך ביזן היינטיקן טאָג קען נישט אויסמעקן פון מיינע אויגן דער קאָשמאַר פון דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. דער שעף פון געשטאַפּאָ האָט מיך גערופן און געזאָגט: „נעם צו דיין שייסע". דער טראַנספּאָרט איז באַשטאַנען פון 8 לאַסטאַוטאָס. אויפמאַכנדיק די אויטאָס האָט זיך פאַרגעשטעלט אַ שרעקלעך בילד. קאַלוזשעס מיט בלוט אינעווייניק, מענטשן צעשלאָגענע, וועלכע מען האָט אַרויסגעטראָגן אויף בעטלעך. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָבן די דייטשן געהייסן די הײנאָווקער ייִדן מאַרשירן אַן ערך 8 קילאָמעטער. אין משך פון דעם „מאַרש" זענען אַ העלפט אומגעקומען און די אַנדערע העלפט האָט מען געבראַכט צו אונדז אין דעם דערמאָנטן צושטאַנד.

אוצר החכמה

יעדן טאָג זענען אָנגעקומען ווייטערע טראַנספּאָרטן פון אַלע אַרומיקע ישובים, גרעסערע און קלענערע, ,דאַרונטער פון שערעשעווו און קאַמענעץ־ליטאָווסק. און דאַן זענען געקומען די טראַנספּאָרטן פון ביאַליסטאָק. דער ביאַליסטאָקער „יודענראַט" האָט ראשית־כל אַרויסגעשיקט די יעניקע וועלכע זענען פאַרן דאָרטיקן געטאָ נישט נוציק געווען, מייסטנס עלטערע מענער און פרויען און דאַן פרויען מיט קליינע קינדער, וועמענס מענער און פאָטערס זענען צוגענומען געוואָרן אין ביאַליסטאָק בשעת די טרויעריק־באַרימטע אַבלאַוועס פון דאָנערשטיק, פרייטיק און שבת. (זיי האָבן טאַקע געהייסן „דאָנערשטיקע", „פרייטיקדיקע" און „שבתדיקע").

מיר האָבן אַלעמען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, אַריינגענומען קודם־כל אין די בתי־מדרשים, וואָס האָבן געדינט ווי איבערגאַנגס־פּונקטן און דאַן אויף אַ יושרדיקן אופן זיי צוגעוויזן וווינונגען.

אונדזער באַפעלקערונג אין געטאָ איז אַזוי אַרום, אין משך פון איניקע וואָכן געוואַקסן ביז 18.000 נפשות. צוזאַמען מיטן וווּקס פון דער באַפעלקערונג זענען געוואַקסן די אַחריותן פון „יודענראַט" בפרט, און פון די דריי און האַלבן טויזנט פּרוזשענער תושבים בכלל. עס איז אַ פאַקט, אַז דער רוב מנין פון די פּרוזשענער זענען קיינמאָל נישט געווען קיין גבירים און זייער פאַרמעגן איז באַדייטנד רעדוצירט געוואָרן אין די יאָרן 1939־1941. און צום שבת פון אונדזערע פּרוזשענער מוז געזאָגט ווערן, אַז יעדער איינער, פון אַלע שיכטן

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעפר ספר קהילה עמוד מס: 631 הודפס ע"י אוצר החכמה

האָט מיטגעאַרבעט אויף זיין געביט און מיטגעהאָלפן דעם „יודענראַט" צו לייזן די אַזוי שווערע פּראָבלעמען. לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן אויף די סאַמע שווערסטע פון זיי:

אַפּראָוויזאַציע: די אָפיציעלע צוטיילונג פון די דייטשן איז באַשטאַנען טעגלעך פּאַר אַ נפש 50 גראַם ברויט, 100 גראַם קאַרטאָפל און 25 גראַם ביינער מיט אָפּפאַל פון פלייש. פעטס האָבן מיר ניט באַקומען. פאַרטראַכט זיך, ידישע מאַמעס, אויף אַ ווײַל, וואָס מען קען אויפטון מיט דעם מעניו: די פאַרטיילונג פון שפּייז האָט געמוזט זיין און איז געווען יושרדיק שוין אַליין צוליב דעם וואָס אונדזערע אַרבעטער האָבן געמוזט קריגן אַ גרעסערע צוטיילונג. מיר האָבן געמוזט אַריינברענגען שפּייז־פּראָדוקטן און האָלץ אומלעגאַל און די הויפּטזאַך, אַז די עפנטלעכע קיכן זאָלן כסדר זיין טעטיק. דאָס האָט געקאָסט גרויסע סומעס געלט וואָס זענען געקומען פון באַשטייערונגען פון די מער־פאַרמעגלעכע, פון אַרבעט, פון פאַרקויפן אויסערן געטאָ אַ טייל פון די פאַבריקאַטן וואָס מיר האָבן פּראָדוצירט פאַר די דייטשן, ווי, למשל: קליידער, שוכוואַרג, וואָלקעס אא"ו. אַ טייל פון דער קליידונג איז אויך פאַרווענדעט געוואָרן צו באַקליידן די היימלאָזע. מיין חוב איז צו דערמאָנען דעם אָנפירער פון דער אַפּראָוויזאַציע־אָפּטיילונג שלמה יודעוויץ, פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט.. אויב דער רעסאָרט איז געשטאַנען אויף זיין געהעריקער הויך, איז דאָס זיין פאַרדינסט. שלמה יודעוויץ איז, אגב, דער געוועזענער מאַן פון דער אונדז באַליבטער לענע יודעוויץ־ביידוס, איצט אין ניו־יאָרק.

געזונדהייטס־אָפּטיילונג: די שטאָטישע אַפּטייק און שפּיטאָל האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ. מיר זענען, הייסט עס, געבליבן אָן מעדיקאַמענטן. דער געטאָ־שפּיטאָל איז איינגעאָרדנט געוואָרן אויפן סאַמע פּרימיטיווסטן אופן אין רער געבידע פון דער פוילישער גימנאַזיע. אָפיציעל האָט געהייסן, אַז מיר האָבן נישט קיין טיפוס־קראַנקע, ווייל דאָס האָט געשמעקט מיט עקסטערמינאַציע. יעדער טיפוס־פאַל האָט געמוזט אויסבאַהאַלטן ווערן בחדרי־חדרים. טראָץ די אַזוי־באַשרענקטע מעגלעכקייטן, איז אויף דעם געביט ממש באַוויזן געוואָרן וווּנדער. און דאָס נאָר אַ אַ דאַנק דער אָפּפערוויליקייט פון די דאָקטוירים און סאַניטאַרן פּערסאָנאַל. מעדיקאַמענטן האָבן מיר געמוזט באַזאָרגן אומלעגאַל פאַר זייער הויכע פּרייזן.

קאָנטריבוציעס: פון צייט צו צייט האָבן מיר געמוזט צאָלן דער דייטשער מאַכט ריזיקע קאָנטריבוציעס. בעת דער ערשטער קאָנטריבוציע האָבן מיר געמוזט צושטעלן 5 קילאָ גאָלד, 20 קילאָ זילבער, אַ מיליאָן רוסישע רובל און אַנדערע ווערט־זאַכן. די צווייטע קאָנטריבוציע האָט אונדז באַשטייערט מיט 1000 מעטער מאַנופאַקטור און 300 קילאָ לעדער. ביי דער דריטער האָבן מיר געמוזט צושטעלן אונדזער גאַנצן באַשטאַנד פון פּיטערוואַרג.

ליקווידאַציע־אָפּטיילונג: זייער אַ וויכטיקער רעסאָרט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו אויפקלייבן און מאַגאַזינירן זאַכן פון אַלטעגלעכן באַדאַרף, כדי צו באַפרידיקן די גרויסע פאָדערונגען פון די דייטשן און צו געבן די אָנגעקומענע אָרעמע היימלאָזע דאָס נויטיקסטע. די איבערגעגעבענע אַרבעט פון די אָנפירער: וועווע ניצבערג, אברהם ברעסקי און אלתר פייבושינסקי האָט געשטעלט דעם רעסאָרט אויף זיין געהעריקער הויך. די ליקווידאַציע־אָפּטיילונג האָט זיך אַזוי צעוואַקסן, אַז די ביוראָען פון „יודענראַט" האָט מען געמוזט אַריבערטראָגן אויף קאָברינער גאַס אין לאה מאַסטאָוולאַנס'ס הויז. דער לעצטער אַדרעס פון „יודענראַט" איז געווען אין הויז פון לייבל פּינסקי.

אַרבעטס־אָפּטיילונג: טאָג־טעגלעך זענען אַרבעטער אין די הונדערטער אַרויס פון געטאָ ־די אויסצופירן פאַרשיידענע אַרבעטן פאַר די דייטשן. די הכנסה פון דער אַרבעט איז אָבער געווען אַ נישטיקע. די דייטשן האָבן אַראָפּגענומען פאַר ספּעציעלע יודען־שטייערן אַן ערך 80 פּראָצענט פון דעם „געהאַלט", וואָס זיי האָבן באַצאָלט פאַר דער אַרבעט. לייבל גאָלדבערג, דער אָנפירער פון רעסאָרט איז אומבאַדינגט געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך און אויסגעפירט זיין אַרבעט בשלמות.

עס איז אויך מיין פליכט צו זאָגן אייניקע ווערטער וועגן אונדזער פאָרזיצער, איצל יאַנאָוויץ. עס איז געווען צו באַוווּנדערן מיט וואָס פאַר אַ געשיקטקייט ער האָט יעדן מיטגליד באַשטימט אויף זיין רעסאָרט. מיט זיין רויקייט און גוטמוטיקייט, אַפילו אין די סאַמע ערנסטע מינוטן, האָט ער פון אַלעמען פאַרשאַפט צו זיך דעם גרעסטן דרך־ארץ. זיין געשיקטקייט און דיפּלאָמאַטישער חוש זענען געווען אַזוי גרויס, דאָס רייבונגען צווישן די מיטגלידער גופא זענען געווען אויסגעשלאָסן. מיט זיין אומדערמידלעכער אַרבעט איז ער פאַר אַלעמען געווען אַ ביישפּיל. פון חודש צו חודש איז ער קלענער און מער איינגעבויגן געוואָרן פון דער אומגעהויערער לאַסט וואָס ער האָט אויף זיך געטראָגן.

נאָכן פאָרזיצער, איז וו. שרייבמאַן, דער וויצע, באַשטימט געווען דער פּאָפּולערסטער מיטגליד פון „יודענראַט". אַן אמתער פאָלקס־מענטש מיט אויסערגעוויינלעכער לאָגיק און ישוב־הדעת. ער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן ביי זיין פאַראַנטוואָרטלעכער אַרבעט. אַלס יוריסט איז ער געווען דער יעניקער וואָס האָט געגעבן דעם געטאָ זיין אינערלעכע גערעכטע יורידישע געזעצגעבונג. אומבאַ־

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 632 הודפס ע"י אוצר החכמה

שרייבלעך רירנד זענען געווען זיינע אָראַטאָרישע אַרויסטריטן, ווען ער האָט באַשולדיקט ביים משפטן די „אריה בעל־גופס" (באמת אומבאַדייטנד אין צאָל) וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו טראָגן דעם קאָלעקטיוון יאָך, נישט געוואָלט אַריינלאָזן היימלאָזע אין זייערע וווינונגען אָדער זיך נישט געוואָלט טיילן מיט זייער האָב און גוטס.

וואָס שייך מיין אַרבעט אַלס פאַרטרעטער פון „יודענראַט" אויסערן געטאָ, ווייס איך עד־היום נישט פון וואַנען האָבן זיך גענומען צו מיר די כוחות וועלכע זענען נויטיק געווען פאַר מיין אַמט. עס האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען צו די אומצאָליקע אינטערווענצן און טאָג־איין, טאָג־אויס האָט געדריקט די לאַסט פון דער דאגה, ווי אַזוי צו לינדערן די נויט און ווי אַזוי צו מאַכן לייכטער דאָס לעבן אין געטאָ. האָט מען זיך שוין ווי עס איז צוגעווינט צו די משוגעתן פון אַ בירגערמייסטער אָדער שעף פון געשטאַפּאָ, האָט מען מיט די נייע געמוזט אָנהויבן די אַרבעט פון אָנהייב.. די דייטשן האָבן געהאַלטן אין איין פאַרלאַנגען און די רעסורסן אין געטאָ זענען אַלץ געוואָרן קלענער.

זיצונגען פון „יודענראַט" זענען פאָרגעקומען 2 מאָל אַ וואָך. דער פּרעזידיום האָט זיך צוזאַמענגעקומען יעדן אָוונט. די זיצונגען פון פּרעזידיום פלעגן זיך פאַרציִען ביז שפּעט אין דער נאַכט. זיי האָבן באַשטימט געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אומצייליקע מעמאָריאַלן זענען רעדאַגירט געוואָרן צו דער דייטשער מאַכט. איינער אַזאַ מעמאָריאַל, נעמלעך אַ פאָרשלאַג, אַז די פּויערים זאָלן אין די מאַרק־טעג אַריין אין געטאָ און אויספירן זייערע אַרבעטן ביי אונדזערע האַנטווערקער איז געווען דערפאָלגרייך און געבראַכט פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. אַ שפּע פון שפּייז איז דאַן אַריין אין געטאָ. לאַנג האָט דאָס נישט געדויערט. אַ מסירה פון אונדזערע קריסטלעכע שכנים, וואָס איז דערגאַנגען אין ביאַליסטאָק, האָט די פּריווילעגיע מבטל געמאַכט. טראָצדעם וואָס מיר זענען געווען אַזוי איזאָלירט, האָבן זיך פון צייט צו צייט באַוויזן ביי אונדז מיטגלידער פון אַנדערע „יודענראַטן", ווי למשל: ביאַליסטאָק, סלאָנים, פּינסק, בריסק אאַ"וו. זיי זענען געקומען זען ווי ביי אונדז קומט פאָר די אַרבעט און צו נעמען אַ מוסטער פון אונדזער געטאָ, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטן שם אין דער נאָענטער און ווייטער אומגעגנט.

ווי אַזוי די דייטשן זענען געווען האַרצלאָז ביים פּייניקן אונדז, איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם פאָלגענדן עפּיזאָד: נישט ווייט פון דער סעמינאַריע איז געשטאַנען אַ גרופּע דייטשע פליִער מיט אַן אונטעראָפיציר לעהמאַן בראש. דער דאָזיקער לעהמאַן, אַליין אַן ס. ס.־מאַן, אַ יונג פון אַ יאָר 20, וועלנדיק הפּנים ווייזן את רוב גדלו, האָט גענומען אונדזער רב ר' דוד ע"ה און געהייסן אים מאַרשירן אין טלית און תפילין און מיט אַ בעזים אין האַנט די גאַנצע סעלצער גאַס ביז צו דעם סעמינאַר. דאָרט האָט מען אים געשלאָגן מכות־רצח און אים געהייסן גראָבן זיין קבר. דער שרייבער פון די שורות איז אַלאַרמירט געוואָרן פון איינעם פון די אַרבעטער. מיט צרות האָב איך דעם רב אַרויסגעראַטעוועט און געבראַכט אים דורך הינטערגעסלעך אַ היים. האַרצרייסנד זענען געווען די געוויינען פון יידישע פרויען און מענער.

פון די אַלע 24 מיטגלידער פון „יודענראַט" זענען נאָר 2 געבליבן ביים לעבן, נעמלעך: מיין פריינט און חבר אברהם ברעסקי (אין ישראל), און איך. מיט מיין פריינט אַלטער פּייבושינסקי האָב איך געאַרבעט אין בירקענאַו (אוישוויץ) אין איין קאָמאַנדאָ. ער האָט זיך געהאַלטן אַ לענגערע צייט. דאַן איז ער קראַנק געוואָרן און געלעגן אַ קורצע צייט אין שפּיטאָל. ער איז איינגעגאַנגען פון טאָג צו טאָג. דאָך איז ער געווען פול מיט אָפּטימיזם. און דאַן האָט דער גורל געוואָלט, אַז איך זאָל פון דערווייטנס בייזיין ווי מען מען האָט אים אין אַ האַרבסט־נאַכט אַ נאַקעטן גענומען אויף אַן אויטאָ און אַוועקגעפירט אין קרעמאַטאָריום. אַלטער איז געווען אַ מענטש מיט אַ געבאָרענער אינטעליגענץ און האָט געהאַט אַ פענאָמענאַלן זכרון. אַלס דיסציפּלינירטער חבר איז ער מיט אַלע זיינע חושים געווען איבערגעגעבן זיין אַרבעט.

דער „יודענראַט" האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון פון דער לאַגע און געוווּסט וואָס עס שטייט אונדז פאָר. וואָס זענען מיר בעסער פאַר בריסק, סלאָנים, פּינסק, בערעזע אאַז"וו, וועמענס קהילות זענען ענטוועדער אומגעקומען אויף די ערטער אָדער אַזוי ברוטאַל דערמאָרדעט געוואָרן אין בראָנאַ גוראַ לעבן בערעזע. מיר האָבן געשפּילט אויף דער צייט און געהאָפט, אַז וואָס ווייטער וועלן אַלץ מער פון אונדזער יונגוואַרג אַוועקגיין אין די וועלדער צו די פּאַרטיזאַנער. און ווען נישט דער לעצטער אינצידענט מיט דער שיסעריי אין „יודענראַט", וואָלטן מיר אפשר נאָך געבליבן אין געטאָ איניקע מאָנאַט, ביז צום פרילינג און מער יונגעלייט וואָלטן געהאַט די מעגלעכקייט צו גיין אין דער פּאַרטיזאַנקע.

אין דער נאַכט פאַר דער עוואַקואַציע איז זיך דער „יודענראַט" צוזאַמענגעקומען צום לעצטן מאָל און באַטראַכט די פראַגע פון שטעלן אַ ווידערשטאַנד. די שאַנסן זענען געווען נול און דער פאָרשלאַג וועלכער איז געקומען פון וו. שרייבמאַן איז מיט דער מערהייט שטימען פון 23 צו 1 אָפּגעוואָרפן געוואָרן. און דאַן איז געקומען די עוואַקואַציע קיין אוישוויץ

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרוזשענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס : 633 הודפס ע"י אוצר החכמה

אונדזער פרושענער קהלה וועלכע האָט געהאַט אַ געשיכטע פון קרוב 600 יאָר האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

וואָס מיט אונדז האָט פּאַסירט אין אוישוויץ איז גוט באַקאַנט. דער גרעסטער טייל איז אומגעקומען אין די גאַז־קאַמערן. נאָר אַ קליינער טייל יונגע מענער און פרויען זענען אָפּגעשטעלט געוואָרן צו דער אַזוי־גערופענער אַרבעט וועלכע איז באַשטאַנען פון הונגער, קעלט, פּיין, עבודת־פּרך און לאַנגזאַמען אומקום.

מוסטערהאַפט איז געווען דאָס פאַרהאַלטן זיך אין אוישוויץ פון אונדזערע פרושענער. אונדזערע פרושענער, ווען זיי זענען אַפילו געווען פאַראַרבעטער אָדער שרייבערס האָבן נישט געשלאָגן. אויב איינער האָט געהאַט עפּעס מער שפּייז, האָט ער זיך געטיילט מיטן לעצטן ביסן מיט זיינע חברים *).

ניו־יאָרק, דעצעמבער 1954.

---

*) וועגן דער פרושענער קאָלאָניע אין אוישוויץ ווערט דערציילט אין אַנדערע אַרבעטן, ספּעציעל ביי זלמן אור־ריעוויטשן.




אַ טייל פון לעבנגעבליבענע פרושענער אין דעם לאַגער פאַר אויסגעוואַנדערטע אין פעלדאַפינג, בעת אַ יזכור־פאַרזאַמלונג לזכרון די קדושים פון פרושענע, ביי דער סימבאָלישער מצבה וואָס איז יאָר־יערלעך גענוצט געוואָרן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פרושענע, בערעזע, מאלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 634 הודפס ע"י אוצר החכמה

אברהם ברעסקי

# סך־הכל פון דער קהילה קדושה פּרוזשענע

## פּרוזשענע אונטער דער סאָוויעטן־מאַכט

אויסצוגן פון דער רעדע פון אַברהם ברעסקי אויפן צוזאַמענפאַר פון די לאַנדסלייט פון פּרוזשענע און אומגעגנט אין ארץ־ישראל, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 11טן אָקטאָבער 1945 אין תל־אביב.

סעפּטעמבער 1939. די באַפעלקערונג פון פּוילן האָט נאָך געלעבט שטיל און רויק. און אָט איז פּלוצלינג אויסגעבראָכן די מלחמה מיט אַלע אירע גרוילן. די פראָנט־ליניעס האָבן גלייך זיך גענומען רוקן צו די ווייטסטע מזרח־געביטן און די נאַצישע הארדעס האָבן זיך מיט ריזן־שריט דערנענטערט צו בריסק. אַ סך פּרוזשענער איינוווינער האָבן פאַרלאָזן די שטאָט און אַוועק אין דער ריכטונג צו מזרח, ווי ס'האָבן געטון מאַסן מענטשן פון אַלע געגנטן. אָבער דעם 19טן סעפּטעמבער 1939 האָבן זיך אין פּרוזשענע און אומגעגנט באַוויזן די אַוואַנגאַרדן פון דער רויטער אַרמיי. גלייך איז פאַרשוונדן דער טרויער און אַ פאַרלייכטערונג איז געקומען אין די הערצער. די נאַצישע באַצווינגער האָבן זיך דערווייטערט און די שעה פון שלעכטן גורל איז אָפּגערוקט געוואָרן. שנעל האָבן זיך די איינוווינער גענומען צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון דער סאָוויעטישער אָרדענונג. אין משך פון דריי מאָנאַטן האָבן זיך ליקווידירט די פּריוואַטע געשעפטן דורך אַ פרייען אויספאַרקויף פון די סחורות. פון 1טן יאַנואַר 1940, צום נייעם ווירטשאַפטס־יאָר, זענען אַריבער אונטערן קאָנטראָל פון דער מלוכה די פּראָדוקציע און דער האַנדל. ס'זענען געעפנט געוואָרן אַ סך אַדמיניסטראַטיווע, באַשפייזונג־, דערציִונג־ און סאָציאַלע אַנשטאַלטן. די מערהייט פון דער באַפעלקערונג איז צוגעצויגן געוואָרן צו דער אַרבעט אין די אַלע אַנשטאַלטן, און ס'האָט נישט אויסגעפעלט קיין אַרבעט און פּרנסה פאַר יעדן, אָן אונטערשיד פון שטאַנד און אָפּשטאַם, וואָס האָט זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג. די ייִדן האָבן געהאַט אַ פרייען צוטריט צו אַלע מלוכהשע אַמטן, אַ זאַך וואָס זיי האָבן נישט געהאַט ביי דער פריִערדיקער מאַכט. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ פאַרגיטיקונג פאַר דער פאַרענדערונג פון לעבן צו וועלכן זיי זענען געוווינט געווען פון דורות.

די רעגירונג האָט געעפנט אין שטאָט אַ געוויסע צאָל קראָמען; האַנטווערקער־אַרטעלן לויט די פאַכן: שניידער, שוסטער, שמידן, שלאָסער א״אַ. זענען אָרגאַניזירט געוואָרן און געאַרבעט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות אונטער דער אויפזיכט פון דער רעגירונג. שנעל איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעאָרגאַניזאַציע אינעם שולוועזן. ס'איז איינגעפירט געוואָרן אַ צען־יאָריקע שול, וואָס האָט אַריינגענומען דעם לערנפּלאַן פון אַ מיטלשול. ס'זענען געעפנט געוואָרן באַזונדערע שולן פאַר יעדער פון די אָרטיקע פיר שפּראַכן, מיט רוסיש, פּויליש, ווייסרוסיש אָדער ייִדיש אַלס לערנשפּראַך (יעדן איז געווען דערלויבט אויסצוקלייבן זיך די שול וואָס אים איז געפעלן), אויך אַ נאָכמיטאָג־מיטלשול פאַר דערוואַקסענע. אין אַ קורצע צייט איז די צאָל שילער פאַרטאָפּלט געוואָרן אין פאַרגלייך צו די פריִערדיקע שולן. דער עיקר איז געשטיגן די צאָל שילער אין די העכערע קלאַסן. די בילדונג איז געווען אינגאַנצן אומזיסט. ביידע יתומים־הייזער: דאָס ייִדישע, וואָס איז פריִער אויסגעהאַלטן געוואָרן פון ייִדישע געלט און אַמעריקאַנער שטיצע און דאָס קריסטלעכע, וואָס איז אויסגעהאַלטן געוואָרן פון דער פריִערדיקער מלוכה, זענען צונויפגעגאָסן געוואָרן אין איין אַנשטאַלט, אויסגעהאַלטן אויפן רעגירונגס־חשבון. דער אַנשטאַלט איז איינגעאָרדנט געוואָרן אינעם גרויסן און באַקוועמען הויז פון ד״ר פּאַצעוויטש. די קינדער האָבן באַקומען גוטע באַשפּייזונג, גוטע באַקליידונג און אַ זאָרגפולע דערציִונג און אויפזיכט. אַ פּאַרצוויגטע אָרגאַניזאַציע פון געזונטהייטס־דינסט. יעדער איינוווינער האָט געהאַט רעכט אויף מעדיצינישע הילף, באַזוכן אַן אַמבולאַטאָריע, אַרויסרופן אַ דאָקטער צו זיך אַהיים אָדער אינטערנירן זיך אין אַ שפּיטאָל — אומזיסט. אַלע אָרטיקע דאָקטוירים צוזאַמען מיט די צוגעקומענע פון דער פרעמד זענען געווען באַשעפטיקט ביי דעם דאָזיקן הייל־דינסט. דער שטאָטישער שפּיטאָל איז לויט דער צאָל בעטן פאַרדרייפאַכט געוואָרן. ס'איז געעפנט געוואָרן אַ שפּיטאָל פאַר ווענערישע קראַנקייטן און אַ קינפּעטאָרן־

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
פּרוזשענע, בערעזע, מאַלטש, שערשעוו, סעלץ ספר קהילה עמוד מס: 635 הודפס ע"י אוצר החכמה